העפטל 18-19 6 פענס.

# אל מלא רחמים

א. נ. שטענצל

נאוו - דעצ. 1941 לאנדאן, ווייטשעפל

## אל מלא רחמים

אז דאס הארץ פון בייזעסטן אכזר צימאל,
זאל פון רחמנות קאנען איבערגיין,
דערפאר ווערן מיר ווי די שאף געשאכטן — —
א, ווי גרוזאם ס'איז אויסדערוויילט צו זיין!

גאט, אז דיין מידה פון דערבארעמונג
זאל אייף דער ווינדיקער ערד קאנען באשטיין,
מוז אונזער בלוט ווי וואסער זיך גיסן — —
א, ווי גרויזאם ס'איז אויסדערוויילט צו זיין!

ער שעכט, ער שעכט, דער אכזר, דער רוצח,
ביז ער באקומט א שרעק פאר זיך אליין;
מיט זיין גרוילקייט צומאל נישט צו באגרייפן,
אז דער מענש קען זיין אזוי גרויזאם געמיין.

א, אזוי געוואלטיק, אזוי שרעקליך,
מיט'ן מענטשליכען שכל נישט צו פארשטיין!
און אינ'ם געכארכל פון די געקוילעטע
ס'רייסט זיך ארויין זיין רחמנות-געוויין.

ס'רייסט זיך ארויין זיין רציחה-געשריי,
א מעשה זיך אנצוטון פון גרויסן פיין
א דערבארעמונג אזא פון גרויס אכזריות —
א, וואסער גנאד ס'איז אויסדערוויילט צו זיין.

אַז דאָס האַרץ פֿון בייזעסטען אכזר צומאָל,
זאָל פֿון רחמנות קאָנען איבערגיין,
ווי פֿון מענשליך בלוט איצט די גאַנצע ערד —
אָ, וואָסער גנאָד ס'איז אויסדערוויילט צו זיין.

# אַ קללה רייסט זיך ארויס . . .

פֿינף און צוואַנציק טויזנט אידען געשאָכטן — —
צוויי און פֿופֿציק טויזנט אידען געקוילעט — —
בלוטיק אויפֿגעריסן אין מיינע אויגען
שטייען די ציפֿערן אַזוי ווילד און בולט.

5 און 2, און 2 און 5 — אַהין און צוריק!
זיי שווינדלען און גליען משוגע צו ווערן!!
אַז דאָס בלוט אין די אָדערן גליווערט,
און אין די צעמישטע אויגן — די טרערן.

אַ צעמישטער כ'בלייב שטיין ביי יעדן טראָט,
מיט מיר אַליין הער איך נישט אויף צו ריידן — —
און אַלץ די זעלבע, די אייגענע ציפֿערן,
אין קאָן איינס פֿון צווייטן נישט אונטערשיידן —

"25 טויזנט — —", "52 טויזנט — —"
ווי כ'וואָלט דעם זין פֿון די רייד נישט פֿאַרשטאַנען!
איך שעם מיך אַ מענש אין די אויגן צו קוקן,
און נאָט'ס נאָמען אויף די ליפּן צו דערמאַנען —
— — — — — —

אַ קללה רייסט זיך גליאיק מיר אַרויס,
פֿונ'ם האַרצן, פֿונ'ם אויפגעקאָכטן:
ווי די 25, ווי די 52 טויזנט,
אַזוי זאָלן די רוצחים ווערן אויסגעשאָכטן —

אַזוי זאָלן זיי ווערן אַלע אויסגעראָטעט
אַז [illegible]שט איינער פֿון זיי זאָל איבעריק בלייבן —
אַז [illegible] מענשן ווידער, אַז אין גאָט — —
דאָ[illegible]גטע האַרץ זאָל ווידער קאָנען גלויבען.

# אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

וועט בריזיך דאָס איצטער נאָך מיט בלוט־בלבולים,
אָדער מיט "הייליגע האָסטיעס" אונז צו שענדן,
צי נאָר מגפה־גיפט — אין די ברונימער —
אין די אוינן צו שיטן, צו פאַרבלענדן?

אַפילו אַ שיטער־הויפן ווער ברויך דאָס נאָך,
מיט ברענענדיגע שמע־ישראל־געשטאַלטן?
ווי לעבן ניטש אין פינסטערן מיטל־אַלטער,
אונטער יעזואיטישע מאַנטלען זיך צו באַהאַלטן!

אין צוואַנציקסטן יאָהרהונדערט, מיטן אין אייראָפּאַ,
הפקר׳דיק אַזוי פאַר אַלעמען אין די אויגן,
ס׳ווערט אַ גאַנץ פאָלק, אונטער ווילדן געלעכטער,
דער פעטלע־קניפ איבער האַלז פערצויגן.

אַ, ווי ס׳ווערט דאָס איצט אונזער בלוט פאַרגאָסן,
איין גרויסע האָסטיע דערפון צו פאַרקנעטן!
אין מיטל־אַלטער איז עס דאָך כאָטש געווען,
מיט יעזואיטיש־פאַלשע הייליקע געבעטן.

ווער ברויך דאָס נאָך איצט פעסט־שוואַרצע ברונימער,
אַז דאָס גיפט ווערט אין אונזערע הערצער געשאָטן!
ס׳איז דאָך פשוט משיגע שוין צו ווערן,
מיטן אין אייראָפּאַ, ווי צווישן האָטענטאָטן —

אַ פאָלק אַ גאַנץ מיט די וואָרצלען אויסצוראָטן,
צו פאַרפייניקן און צו וועלן פאַרלענדן;
חוצפה׳דיק אַזוי, אונטער ווילדסטן געלעכטער,
אַ פאָלק פאַר אַלעמען אין די אויגן צו שענדן.

# קדושים

נישט אַ שיטערהויפן, אַ צעפלאַקערטער,
מיט זינגענדיקע שמע־ישראל געשרייען,
מיט סוף־געהויבענע קעפ, ברענענדיקע,
נאָך אין זייערע לעצטע גסיסה־ווייען;

## (2 סאָנעטן)

„אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה"

1

נישט צו צעברעקלען, אַ האַרטער קיזל־שטיין,
אין וואַרן שטויביק־הייסע, זויִיק־צעבריטע,
פֿון ברויזענדיקע כוואַליעס שוימיק צושיטע
ווילד געיאָגט אַזוי טאָג אויס און טאָג איין.

אַן איינציקע רגע נישט מער רויִק צו זיין;
געטריבן פֿון וואַסערן ווילד צעשפּילטע,
ווי אונטער פֿלאַמען אַזוי אויפֿגעוזירטע,
געוואַשן צו ווערן אַלץ ריינער און ריין:

געטריבן אַלץ ווייטער, נישט בלייבן צו שטיין,
מיט שרים מיט ווייטע נישט איינגעמירטע,
שווערקייט פֿון פֿרישע ברעגעס תמיד צו זיין —

נישט צו צעברעקלען, אַ האַרטער קיזל־שטיין,
צו צעשפּריצן מיט פֿונקן אויפֿגעגליטע,
פֿון שלאָגן אין אים אַזוי טאָג אויס טאָג איין.

2

ניין, מיר זיינען נישט קיין שטרויכל־שטיין,
צו שטערן אייליקע פֿיס און זייער לויף:
נישט אַ שטיין געוואָרפֿן אין קוואַליקן־געשרויף,
דאָס לעבעדיקע וואַסער לויטער און ריין,

טריב צו מיטגן אין זיין זילבעריק־געשיין,
צו פֿאַרשטאָפּן דאָס לעבעדיקע געלויף,
וואָס רייסט זיך מיט זיינע טיפֿעניש אַרויף,
מיט זיין יעטווידן טראָפּן ליכטיק צו זיין;

מיר זיינען נישט קיין שטרויכל־שטיין, ניין!
מיר זיינען יענע עדליכער פּרוו־שטיין,
וואָס יעדע מטבע אין איר קויף און פֿאַרקויף,

מוז עבט און לויטער אויסקלינגען דאַרויף,
אָפּצוזאָגן; מיט איר אַ שולדיקן חוב
און פֿון האַנט צו האַנט ווייטער צו קענען גיין

צינגיין, אָבער, וועט דער געפאַלענער שנייי
און בלייבן וועלן בלויז די רויטע פלעקן,
פון די אומשולדיקע, די געשאָכטענע — —
אין הערצער די נקמה צו וועקן.

— — — — —

און ווען אויפטאַיען ס'וועלן די טייכן,
יעדעם וועלעכל וועט „קריעה" זיך רייסן —
איבער די „חמרים", די קופּעס מתים,
פאַרדעקט אונטער דעם שנייאיקן ווייסן.

3

ווי ווייסע ליילעכער איבער שפיגלען,
אבלריק אַזוי זיי צו פאַרהענגען,
פאַלדעווען פריש־געפאַלענע שנייען,
איבער געפרוירענע טייכן־לענגען.

אַזוי פיל טויט און אַזוי פיל טרויער!
נישט מיט כמאַרעס איז דער הימל פאַרצויגן,
ס'איז די זון אויף שערבעלעך צעבראָכן,
די מתים זיי צו לעגן אויף די אויגן

און אַרום די פאַרוויסטע ביימער,
ביז אין דער העלפט פאַרזונקען אין די שנייען,
ז'וואָלטן אויף שבעה־בענקלעך געזעסן
מיט הענט פאַרבראָכענע, פולע מיט ווייען.

אָ, און ווען אויפטייען ס'וועלן די טייכן
נישט שפיגלען זיי וועלן קיטלען מיט שטערן,
צאַנקנדיקע קניטלעך נאָך אַזוי פיל טויטע,
וועלן אין זיי אָנגעצונדן ווערן — —

(2 פראַגמענטן)

1

געטראָגן צו ווערן איינער פון צווייטן—
ס'איז יעדער איינער אַן איינציקע כוואַליע!
אָן קנאה־שנאה, אָן בייזער חניפה,
געטראָגן מיר ווערן אַלע פון אַלע.

צײגן, אָבער, װעט דער געפֿאַלענער שנײ
און בלײבן װעלן בלױז די רױטע פֿלעקן,
פֿון די אומשולדיקע, די געשאָכטענע — —
און הערצער די נקמה צו װעקן.

— — — — —

און װען אױפֿטאַיען ס׳װעלן די טײכן,
יעדעם װעלעכל װעט „קריעה״ זיך רײסן —
איבער די „חמרים״, די קופּעס מתים,
פֿאַרדעקט אונטער דעם שנײאיקן װײסן.

3

װי װײסע לײלעכער איבער שפּיגלען,
אַבלדיק אַזױ זײ צו פֿאַרהענגען,
פֿאַלדעװען פֿריש־געפֿאַלענע שנײען,
איבער געפֿרױרענע טײכן־לענגען.

אַזױ פֿיל טױט און אַזױ פֿיל טרױער!
נישט מיט כמאַרעס איז דער הימל פֿאַרצױגן,
ס׳איז די זון אױף שערבעלעך צעבראָכן,
די מתים זײ צו לעגן אױף די אױגן

און אַרום די פֿאַרװײעטע בײמער,
ביז אין דער העלפֿט פֿאַרזונקען אין די שנײען,
ז׳װאָלטן אױף שבעה־בענקלעך געזעסן
מיט הענט פֿאַרבראָכענע, פֿולע מיט װײען.

אָ, און װען אױפֿטײען ס׳װעלן די טײכן
נישט שפּיגלען זײ װעלן קײַלען מיט שטערן,
צאַנקנדיקע קנײטלעך נאָך אַזױ פֿיל טױטע,
װעלן אין זײ אָנגעצונדן װערן — —

(2 פֿראַגמענטן)

1

געטראָגן צו װערן אײנער פֿון צװײטן—
ס׳איז יעדער אײנער אַן׳אײנציקע כװאַליע!
אָן קנאה־שנאה, אָן בײזער חניפֿה,
געטראָגן מיר װערן אַלע פֿון אַלע.

# שנײ־לידער 1941

1

ס׳וועבן זיך דײנע תכריכים־לײַוונטן,
שײַן זײַנען זײ פֿאַרטיק און װײַס אויסגעשפּרײט,
דײַטשלאַנד, איבער דײַנע חילות מחנות
װײען שנײ־שטורעמס באַלד, װילד און פֿאַרשײט.

די װינטן װויגעס, די װירבל־זאַווערוכעס
פֿון אַלע זײַטן איבער דיר זײ קומען באַלד אָן,
נישט פֿאַלנדיקער שנײעלעך־גענגלימער —
פֿלאַטעריקע שטערן פֿון דער רױטער פֿאָן!

און דער גליוװער פֿון דער באַלד פֿרירנדיקער װאָלגאַ,
נישט פֿון קרירות — פֿון דײַן בלוט און איר פֿאַרמישט:
יאָ, ס׳מוז דער בלוטיקער שליאַד פֿונ׳ם רוצח
מיט זײַן אײגענעם טױט װערן אָבגעװישט —

דײַטשלאַנד, דײַן גײענדיק מאַשין־געװער אַצינד,
פֿאַר דײַנע װײַסע סובות דאָס שנעלע געשטעפּ!
דו נײסט זײ אויף פֿאַר דיר, זײ באַלד אָנצוטון,
און דײַנע תכריכים — דער שנײ־פֿאַרװײעטער סטעפּ.

2

װי ״מכסה״ צו זײַן ס׳פֿאַרגאָסענע בלוט,
װיל דער שנײ נישט אויפֿהערן צו שיטן:
איז דען װײניקער װי אַ חיה דער מענטש,
װען ער פֿאַרבלוטיקט, מיט האַלז הורכגעשניטן?

יאָ, פֿאַרבאָרגן די חרפּה פֿאַר דער װעלט,
די טױטע זאָלן װײטער נישט קומען,
פֿרירן אײַן די װאָלגאַ, דער דניעפּער, דער ראָן
און זײערע ברעגעס, און בלוט איבערשװומען.

# זאַווערוכעס

(אַפּאָקאַליפּסיש־רייטער־ליד 1941)

אויף צעהירזשעטע פֿערד, אויף ווייסע צעשוימטע,<br>
ווילדע צעפֿלאָשעטע זיי קומען געריטן,<br>
מיט פֿנימער צעהיצטע, רויטע צעצוויקטע,<br>
שאַרף־גנעקאַנטיקטע פֿון שראַמען און פֿון שניטן.

וועלכער איז דער רייטער און וועלכעס די חיה?<br>
אויף הינטערשטע פֿיס דיבאָם געוואַלטיק צענטויער!<br>
אונטער זייער ווילדן גאַלאָפּ ס'ציטערט די ערד,<br>
דער הימל אין שטויב קערט זיך איבער קאַפּויער —

ס'האָבן זיך זאַווערוכעס צוזאַמענעפּיפּן,<br>
ווי אויף זייערע פֿינגער אַ חבֿרה יאַטן!<br>
מיט מעסערס געשליפֿענע בלאַנק זיי צו צוקן,<br>
מיט אַזאַ שפּיי: אַ רוח אינם טאַטנס טאַטן!

האָ־האָ־האָ! און ווען זיי צעלאָזן זיך „גאַ־שטיך",<br>
די שאַרבן פֿון די קעפּ אַרונטערצורייסן,<br>
מיט די קאַלטע פֿינגער צו כאַפּן ביים גאָרגל,<br>
און מיט די ציינער אין אים זיך אַריינצובייסן —

דאָס ווילדע צעווייעטע, ס'אויפֿסאָפּען זייערס,<br>
ווען פֿאַרכלינעט זיי וואַרגן ס'קרבן פֿון הינטן,<br>
און זיין געוואַלטיק וואַרפֿן אין גסיסה־כאָרכל —<br>
ס'איז דאָס הוליע־געוואָי אין די וויוגעס־ווינטן —

— — — — — —

אויף צעהירזשעטע פֿערד, אויף ווייסע צעשוימטע,<br>
ווילדע צעפֿלאָשעטע זיי קומען געריטן,<br>
אַז די געקאָוועטע טלאָען נישט אויסגליטשן,<br>
אונטערן גאַלאָפּ רעם שניי ס'האַלט ווער אין איין שיטן

ווי ס'שטויבן זיך די טשופּרינעס ווילד צעפּאָכעט,<br>
ביז אין די כמאַרעס אַריין רויכערן די עקן,<br>
גאַנצע וועלט אוטערן געבליין פֿון זייערע פֿיס<br>
צו פֿאַרוואַנדלען אין ווייסע וויסטע ווייטע העקן.

# ווערבעס . . .

וויפיל טרויער ס'איז דאָ אין זיי, אין פריהלינג שוין
אין זייער נאַקעט־צאַרטן געצוואָגענעם גרין,
און ערשט ווען גרויע הערבסטיקע וואָלקענס
ציען דורך זיי, נישט וויסנדיק וואַהין —

מיט צער־פאַרזשמורעטע אויגן טריפן זיי אויס
דעם פינסטערן אומעט פון מענש און וועלט ;
פון יערן ווינטל געבויגן, אויפגעשוידערטע,
שטייען זיי אַרומעט, ביי די ברעגעס צעשטעלט.

פון אַלע ביימער פאַלן די בלעטער אַצינד —
זיי אָבער וויינען זייערע אויגן זיך אויס :
„אָ, אַז פאַר רייסנדיקע ווילדע וואַסערן
מיר זיינען שלאָגנדיקע וואָרצלען נאָר בלויז" —

— — — — — —

— — — — — —

יאָ, ווי אַלט די טייכן פון דער גאָרער ערד,
אַזוי אַלט איז שוין זייער אומעטיקער פיין —
די וואַסערן זיינען די אויסגעטריפטע טרערן
פון זייער אומאויפהערליכן געוויין — — —

אַז נישט אין גוטסקייט, אַז נישט אין גנאָד —
מען רציחה אונז זאָלן צוזאַמען!
יעדער איינער אַזאַ ווילדער טראָפּן,
אין אייפֿשיים פֿון ברוינדיקע ימען.

אָפּנהענטיקייט פֿון איינעם צום צווייטן —
פֿון אַזאַ געוואַלטיקער פֿרייד איבערשווימען:
מיט טרייסט, מיט דערליין, צי מיט וויסטן בייז,
נאָר נישט אין זיך יעדער איינער פֿאַרקומען.

אַז נישט מיט גוטסקייט, אַז נישט מיט גנאָד —
לעבעדיק אין הערצער צוזאַמענגעפֿלאָסן!
טאָ מיזן מיר גליווערן אין קרירות,
מיט אונזער בלוט איבער די ערד פֿאַרגאָסן.

2

אָ, דאָס אויפֿגעלויכטענע, דאָס וואָס ס'מוז ווערן,
ליכטיקייטן אין אונזער אַלעמענס בלוט צעציטערט
אַז ס'מוז געבוירן ווערן זסורימדיק־פֿאַרביטערט:
לעבעדיק לעבן צווישן טויט און צעשטערן —

יאָגנדיקער רונצל איבער אַלעמענס הויטן!
טענטשליכע מאַטערניש איבער תהומישן געפֿאַר:
דעם וועג פֿון טרערן ווער ווייסט און פֿון צער,
אין דאָס אכזריותדיקע פֿון מאָרדן און טויטן?

ס' איז דאָס שמעלצן פֿון אייזנקע טייכן,
אויפֿגעבראָכן מיט קריעה־געגיי און געשריי!
ס'איז שלענגלדיקער ציק־צאַק און געדריי,
אייפֿגעבויזט מיט צילנדיק רערגדייכן!

ווער פֿאַרשטייט דען דאָס רייסן זיך פֿון די קוועל
און דאָס אייביקע געביטש און שטורעם גיעג?
אָ, די מיסגערימענע שטיינער אין וועג
זיינען דער געזאַנג פֿון די לויפֿנדיקע וועלן —

— — — —

# דאס ליכטיקע פנים פון מיין מאמען

א.

ווען דו ביסט פון לעבן אוועקגעגאנגען,
האבן דיר נאכגעבליט די פרילינג בלומען,
ווי דיך באגלייט מיט א בליק מיט א שטומען:
אָ, אפשר אין טויט איז מער פרייד פארהאנגען...

אָ, אומעטום געזען כ'האב זיי דא וויאגען,
ווען צו מיר די ידיעה איז אנגעקומען,
ווי פון מיין צער געווען זיי וואלטן באנומען,
מיין פאראיינזאמטן טרויער מיט-פארשטאנען.

א שטיין אויף דיין קבר ס'האט ווער מיך געשטעלט,
דעם טויטן-טאג געקריצט מיר אין הארצן ארײַן,
אזוי בין איך געבליבן דא פארשטיינערט שטיין,

און ווי געווייִנט מיט מיר ס'וואלט די גאנצע וועלט,
האט דער גרויער אקטאבער-טאג אויסגעזען — —
און אינדערהיים דארט דער פרילינג-טאג ווען ס'איז
געשען?

ב.

אז פין אזוי פיל יונגען טויט פול איז די וועלט,
דיין אבציקיאריק לעבן אציגד באווייגען?
פין דיין פנים באשיינט פון טויזנט חנ'ען,
און פון דיינע בליקן אזוי ווארעם צעהעלט,

קלאנגען און אותיות צוזאמענגעשטעלט,
און ווערטער אין אין רימען צו פאראייגען,
אפשר פין דיינע שיינקייטן אן אפשיינען,
און מיין פארלאשנקייט פיל שוין מיט געשעלט —

א, אז דיין טויט אציגד און מיר דאס צי שטילן!
פין דיין ליפן-געשנירל דאס אויפציטערן,
דאס נאגנדיקע-זיסע אינ'ם ביטערן,

ביז אין מיין הארצן אריין כ'פליגם דערפילן,
איצט ווידער אויף מיינע ליפן כ'קענם שפירן,
און וועלט-בומערנישן מיך נישט צו פארלירן —

ג.

אזוי פֿיל טויט ס'איז אויף דער וועלט פֿאַראַנען,
און וויפֿיל שטייען גרייט זיך אים אָפּצוגעבן — —
אָבער די זכיה צו האָבן צו שטיין דאַנעבן,
ווען אַן אָבצוקיאָריקע מאַטע גייט פֿון דאַנען!

וואָלט איך צעקאָפּענס פֿון דיין בעט געשטאַנען,
דעם טויט איבער דיין פּנים געזען שוועבן,
די שיינקייטן פֿון פֿאַרגייענדיקן לעבן,
און די סודות פֿון שטאַרבן כ'וואָלט פֿאַרשטאַנען.

מיט אזוי פֿיל טויט ס'איז פֿיל די וועלט —
אַ גיליאָטינע שטייט ערגען-ווו אויפֿגעשטעלט,
מיר פֿאַרבלוטיקן איינער נאָכ'ן צווייטן — —

אָבער אייגענעם טויט מ'קאָן ערשט דערשפּירן!
ווי זון-פֿאַרגאַנג אין בין-השמשות-קאָלירן —
און מיין בלוט מיין מאַמעס שטאַרבן פֿונדערווייטן.

ד.

אז כ'האָב קיין שטוב נישט, וויקלען זי זאָל נישט זיין,
נישט צומאָל אַ שטיקל וואַנט איבער אַ בעט,
ווו זאָל איך הענגען פֿון דיין פּנים דאָס פּאָרטרעט,
פֿון דיין שיינקייט נאָר איין אָפּבילד, נאָר אַן אָפּשיין.

און יואָס קען שוין פֿאַרב זיין, — געשפּיגלטער חן! —
אז כ'שפּיר נאָך פֿון דיין האַנט דען וואַרעמען גלעט,
אז כ'זויג נאָך דיין בענקשאַפֿט געשטילט אין צו זעט —
אַ רעם נאָר פֿאַר דיין שיינקייט ס'איז מיין געביין!

און אז אַ פּאַלאַץ כ'וועל מיר האָבן אויפֿגעבויט, — —
אַ נאַגל בויערט זיך אין מיין ברוסט דיין טויט,
הייליק אויפֿצוהענגען דיין פּאָרטרעט דערויף —

אַ מעדאַליאָן מיט געשטאָכענעם גראַוויר,
ס'איז אין מיר מיין האַרץ מיטן אָפּבילד פֿון דיר,
צו טראָגנ'ס אַזוי ביז אין מיין סוף. — — —

ה

אז בענקשאפט קאן מאכן א פנים אזוי שיין,
אז דער צער פון וועלט קאן ליגן דערין,
איז עס נאך נייטיק, און צו האט עס א זין,
צו פארשטיין דעם חילוק צווישן זיין און פארגיין?

תמיד אזוי אויפ'ן העכסטן שטאפל צו שטיין,
און אין טיפן תהום דעם לעצטן ענטרין —
דאס אויסגעצירקלט געטאקטע פון דיין קין
איינגעהאלטן געצוק פון פרייד און פון פיין.

א, אין יעדן באריר שפירן פון הארצן דאס בלוט!
אזא ווארעמע גוטסקייט פון מענטשליכער הויט —
ניין, נישט דאס לעבן איז עס און נישט דער טויט,

פון מענטש צו מענטש דאס טוליענדיקע גוט;
דער העכסטער שטאפל און דער טיפסטער תהום
אינ'ם אויפגיי און פארגיי פון ליכטיקן טרוים.

ו

ווי האבן האב דאס דיינע ליבטיקע בליקן
געמוזט אויסשטראלן מיט קנייטשלעך, מיט פאלטן,
דיין נישט געשטילטע בענקעניש צו באהאלטן,
אין א ליפ-פעלטל דעם צער צו דערשטיקן.

ווי האט דאס געמוזט וונדערלעך באגליקן
פון אזא פנים, א באבעשי אלטן,
אנגעקוקט צו ווערן, אזוי איינגעהאלטן,
מיט אזויפיל חנעווידיקן ענטציקן.

און דאס צא־טע געשנירל פון דיינע ליפן,
ווי האט עס זיך ענגער פארצויגן,
אין דעם ווארעמען געשטראל פון דיינע אויגן;

אבער ווי געוואלט עפעס איבערהיפן, —
זייערע יארן דאך נישט צו פארשעמען! —
איז געווען דער צוק אין די געווירלטע ברעמען.

ז.

אָ, רעטלט, זוען ביז משוגע צו ווערן,
העל אויפפלאַמען ס'פלעגן דיינע אַפּלען,
מיט שרעק אויף דיין שויס כ'פלעג אויפצאַפּלען,
צו דיין פאַרשוויגנקייט מיך צוצוהערן — —

אָ, דאָס אויפגליען פון אויגן דורך טרערן!
איף דיין שטאַלטנעס לייב ווי אויף שטאַפּלען,
כ'פלעג אַזוי קלעטערן און פּלאַפּלען
ביז אין דיר מיט אַמאָל אַלצדינגאויפהערן — —

די שטילע גוטסקייט דעמלט אין דיינע אויגן — —
און אין אלע דיינע קליינסטע מינדסטע תנועות — —
איף מיינע בעקלעך דיינע פייכטע וויעס — —

זומערפייגעלעך וואָס קומען אָנגעפלויגן!
זיי זיינען דאָס די בילדער אין מיינע לידער —
אין מיינע געפלאַפּלען כסדר און ווידער.

ח.

ווי אין מיטלשטיין, אַלאַבאַסטער־דורכלויכטן,
ווי אין קעראַמיק, אין קונציקן געברענט,
פאַ־גל ווערטע צאַרטקייט פעסטהאַלטן געקענט,
ווי לעצטן אָטעם לוילעך אויסגעהויכטן,

ווי אויפגליאיקן ב־יק, בלוילעך־פאַרויכטן,
אָ, דאָס לעצטע מאָל כ'האָב געזען דיינע הענט:
לייבהאַפטיקער ציטער לעבעדיק געפענט,
אין אַ בענקעניש, אין אַ נישט פאַרברויכטן —

טראָג איך אים איצט, דיין געבליבענער, דיין זון,
ביז אין מיינע פינגערשפּיצן דעם ציטער, — —
ס'איז מיין ריטם — אַ שטילקייט פאַרן געוויטער!

איך טראָג אים אין אַלצדינג, אין מיין יעדן טון!
אינ'ם קלאַפּן פון מיין האַרץ, כסדר אָן־ענד —
ס'טעסט ווער דאָרט דעם ציטער פון דיינע הענט.

mayn mamen ... 18-19

ט

ווען דיינע הענט מיט בענטשונג אויסצושפּרייטן,
מיט גוטסקייט גלעטנדיק טוליענדיק ליגן
גלייך אַ זוימען טראָגנדיקער שטילער ווינט,
איבער בלומען־פאַרבענקטע יונגע בייטן ;

איבער דער גאַנצער וועלט, דורך אַלע ווייטן,
אָ, איבער דיין לייב, נאָך־נישט־געבוירן קינד,
מיט טוליעוודיקע הענט זיך דערטאַפּנדיק בלינד — —
מיך צו געפינען, א טרויעריק דערפרייטן —

אין ציטער פון דיינע פינגער גאַנצער אָן־ענד,
נישט טרערן — דיין האַרץ אַ צערינענס אין געבעט !
און איצט, ווען מיין נאָנטער מיין צער נישט דערזעט,

כ׳זע ווידער דעם ציטער פון דיינע שטילע הענט,
מיט גוטסקייט, מיט טרייסט, מיט אייביקן געבענטש,
און פול מיט אָן־ענד ס׳איז טיין האַרץ צו יערן מענטש.

י

דאָס העלע פון דיינע פאַרטראַכטע אויגן,
מיט אַזאַ ליכטיקייט פון האַרצן אַרויס,
אַ צער וואָס איך נאָר פאַרשטאַנען האָב אים בלויז,
אַרום דיינע ליפּן צערטלעך פאַרצויגן — —

די דינע געווירלטע ברעמע־בויגן !
די וויעס אַרום די בליקן אַזוי גרויס !
מיך וויגנדיק אויף דיין בענקדיקער שויס,
האָב איך דיין שיינקייט אין מיר איינגעזויגן.

דאָס ניגונדל דיינס אַזוי טוליעדיק־פול,
צעגייענדיק אין אַלע מיינע גלידער,
דאָס זיינען איצט מיינע צער־פולע לידער ;

אויף דעם צאַרט־געשנירלטן אַרום דיין מויל
צי איך אויף פאַרבלאַסטע צעשיטע קרעלן —
פון דיינע אַזלען דאָס טיפע אויפהעלן.

ט

ווען דיינע הענט מיט בענטשונג אויסצושפרייטן,
מיט גוטסקייט גלעטנדיק טוליענדיק ליגד
גלייך אַ זוימען טראָגנדיקער שטילער ווינט,
איבער בלומען־פֿאַרבענקטע יונגע בייטן;

איבער דער גאַנצער וועלט, דורך אַלע ווייטן,
אָ, איבער דיין לייב, נאָך־נישט־געבוירן קינד,
מיט טוליעוודיקע הענט זיך דערטאַפּנדיק בלינד —
מיך צו געפֿונען, אַ טרויעריק דערפֿרייטן —

און ציטער פֿון דיינע פֿינגער גאַנצער אָנ־ענד,
נישט טרערן — דיין האַרץ אַ צערינענס און געבעט!
און איצט, ווען מיין נאָנטער מיין צער נישט דערזעט,

כ'זע ווידער דעם ציטער פֿון דיינע שטילע הענט,
מיט גוטסקייט, מיט טרייסט, מיט אייביקן געבענטש,
און פֿול מיט אָן־ענד ס'איז מיין האַרץ צו יעדן מענטש.

י

דאָס העלע פֿון דיינע פֿאַרטראַכטע אויגן,
מיט אַזאַ ליכטיקייט פֿון האַרצן אַרויס,
אַ צער וואָס איך נאָר פֿאַרשטאַנען האָב אים בלויז,
אַרום דיינע ליפּן צערטלעך פֿאַרצויגן — —

די דינע געווירלטע ברעמע־בויגן!
די ווייס אַרום די בליקן אַזוי גרויס!
מיך וויגנדיק איף דיין בענקריקער שויס,
האָב איך דיין שיינקייט אין מיר איינגעזויגן.

דאָס ניגונדל דיינס אַזוי טוליעדיק־פֿויל,
צעגייענדיק אין אַלע מיינע גלידער,
דאָס זיינען איצט מיינע צער־פֿולע לידער;

אויף דעם צאַרט־געשנירלטן אַרום דיין מויל
צי איך אויף פֿאַרבלאַסטע צעשיטע קרעלן —
פֿון דיינע אַגלען דאָס טיפֿע אויפֿהעלן.

ט

ווען דיינע הענט מיט בענטשונג אויסצושפרייטן,
מיט גוטסקייט גלעטנדיק טוליענדיק ליגד
גלייך אַ זוימען טראָגנדיקער שטילער ווינט,
איבער בלומען־פאַרבענקטע יונגע בייטן;

איבער דער גאַנצער וועלט, דורך אַלע ווייטן,
אָ, איבער דיין לייב, נאָך־נישט־געבוירן קינד,
מיט טוליעוודיקע הענט זיך דערטאַפּנדיק בלינד —
מיך צו געפינען, אַ טרויעריק דערפרייטן —

אין ציטער פון דיינע פינגער גאַנצער אָנ־ענד,
נישט טרערן — דיין האַרץ אַ צערינענס אין געבעט!
און איצט, ווען מיין נאָנטער מיין צער נישט דערזעט,

כ׳זע ווידער דעם ציטער פון דיינע שטילע הענט,
מיט גוטסקייט, מיט טרייסט, מיט אייביקן געבענטש,
און פול מיט אָן־ענד ס׳איז מיין האַרץ צו יעדן מענטש.

י

דאָס העלע פון דיינע פאַרטראַכטע אויגן,
מיט אַזאַ ליכטיקייט פון האַרצן אַרויס,
אַ צער וואָס איך נאָר פאַרשטאַנען האָב אים בלויז,
אַרום דיינע ליפן צערטלעך פאַרצויגן —

די דינע געוויילטע ברעמע־בויגן!
די ווייעס אַרום די בליקן אַזוי גרויס!
מיך ווינגדיק איף דיין בענקריקער שויס,
האָב איך דיין שיינקייט אין מיר איינגעזויגן.

דאָס ניגונדל דיינס אַזוי טוליעדיק־פויל,
צעגייענדיק אין אַלע מיינע גלידער,
דאָס זיינען איצט מיינע צער־פולע לידער;

אויף דעם צאַרט־געשנירלטן אַרום דיין מויל
צי איך אויף פאַרבלאַסטע צעשיטע קרעלן —
פון דיינע אַפּלען דאָס טיפע אויפהעלן.

A-N. Stencl from "Dos likhtike ponim fun

### יא

אַז דער מענטש מיט אַלע זײַנע נישטיקײַטן,
קאָן אַזאַ וווּנדערלעכע שיינקייט ווערן — —
יעדע בייזקייט אין האַרצן קאָן אויפֿהערן,
אין געראַנק — יעדעס חשבונ'ען, יעדער רײַטן!

אָ, אַז דער מענטש אַזוי איינער מיטן צווייטן,
מיט אַלצדינג אין זיך, זיך שוין צו צעשטערן,
קאָן אויפֿשטראַלן מיט אַלע זײַנע באַגערן,
אינ'ם האַרצן, אינ'ם ליכטיקן דערפֿרייטן —

ס'איז דער מענטש דער גורל איינער פֿון אַנדערן, —
ווי "מזל-תאומים" אינ'ם הימלישן וואַנדערן,
אינ'ם אייביקן גאַנג מיט זון און מיט שטערן,

מיט יעדער פֿינסטערניש ווידער אויפֿצוטאָגן, —
דאָס לעבן צו דערטראָגן און אויסצוטראָגן,
און מיט אייגן לײַב צו שטילן און דערנערן.

### יב

אָ, יענע ליכטיקײַט פֿון דײַנע צאַרטע הענט,
די גאַנצע שטוב פֿלעגט ליכטיק פֿון זיי ווערן!
אויף דײַן ברוסט-טיכל, די פֿאַלנדיקע טרערן,
צווישן פּערל-שנירלעך — פֿינקלדיקער דימענט.

טויבן אויפֿגעבונדענע פֿון זייער געפּענט,
זייער געפּלאַטער איבערן קאָפּ צו הערן — —
אַזאַ בענטשונג, צו שטילן און צו נערן,
אין געשוועב איבערן טונקל פֿון די פֿיר ווענט —

דײַנע בליקן זײַנען די פֿלאַמען געווען,
היילונג די ליכט-קנויטן מיט זיי אָנגעצונדן!
גאַנצע פֿינסטערע וועלט איז דעמלט פֿאַרשוווּנדן!

מיט אָפֿענע אייגן מלאכים דיך צו זען —
ז'זײַנען מיטגעקומען דעם טאַטן באַגלייטן,
אַ בליק אויף דיר צו וואַרפֿן, כאָטש פֿון דערווײַטן.

## יא

אַז דער מענטש מיט אַלע זײַנע ניִשטיִקײַטן,
קען אַזאַ װוּנדערליִכע שײנקײט װערן — —
יעדע בײזקײט אין האַרצן קען אויפהערן,
אין געדאַנק — יעדעס חשבונ׳ען, יעדער רײַטן !

אָ, אַז דער מענטש אַזוי אײנער מיטן צװײטן,
מיט אַלצדינג אין זיך, זיך שוין צו צעשטערן,
קען אויפשטראַלן מיט אַלע זײַנע באַגערן,
אינ׳ם האַרצן, אינ׳ם ליכטיקן דערפרײטן —

ס׳איז דער מענטש דער גורל אײנער פון אַנדערן, —
װי ״מזל-תאומים״ אינ׳ם הימליִשן װאַנדערן,
אינ׳ם אײביקן גאַנג מיט זון און מיט שטערן,

מיט יעדער פינסטערניש װידער אויפצוטאָגן, —
דאָס לעבן צו דערטראָגן און אויסצוטראָגן,
און מיט אײגן לײַב צו שטילן און דערנערן.

## יב

אָ, יענע ליכטיקײַט פון דײַנע צאַרטע הענט,
די גאַנצע שטוב פלעגט ליכטיק פון זײ װערן !
אויף דײַן ברוסט-טיכל, די פאַלנדיקע טרערן,
צװישן פערל-שנירלעך — פינקלדיקער דימענט.

טײבן אויפגעבונדענע פון זײער געפענט,
זײער געפלאַטער איבערן קאָפ צו הערן — —
אַזאַ בענטשונג, צו שטילן און צו נערן,
אין געשװעב איבערן טונקל פון די פיר װענט —

דײַנע בליקן זײַנען די פלאַמען געװען,
הײליק די ליכט-קנויטן מיט זײ אָנגעצונדן !
גאַנצע פינסטערע װעלט איז דעמלט פאַרשװוּנדן !

מיט אָפענע אויגן מלאכים דיך צו זען —
ז׳זײַנען מיטגעקומען דעם טאַטן באַגלײטן,
אַ בליק אויף דיר צו װאַרפן, באַטש פון דערװײַטן.

"הוד והדר לבושה ותשחק ליום אחרון".

יג

אִין איר ווינדעלעך שאַל אַרומגענומען,
מִיט זײַנע שפּיצלעך די אויגן האַלב פֿאַרשטעלט;
פּונקט ווי שרה פֿאַר דער טיר פֿון איר געצעלט,
דעמלט ווען די מלאכים זײַנען אָנגעקומען;

אִין אַזאַ שמייכעלע איר בליק פֿאַרשוומען,
דאַ פֿאַרשאָטנט גאַנץ און דאָ אויפֿגעהעלט — —
יאָ, אַז מענטש צו מענטש איז נאָנט און זיך געפֿעלט
די הימלישסטע מלאכים-רייד פֿאַרשטומען —

ווי פֿון ברונים אַראָפּ דער שווערער שטיין,
ווען רחל איז געקומען מיט אירע לעמער צו גיין,
אַזוי פֿון מענטשליכן האַרץ דער שווערער צער — —

אַ דורשטיקער לאָם איז דאָס בענקענדיקע געמיט!
אָ, ווען דעם עמער איינער פֿאַר צווייטן אַרויפֿציט,
ווען דער קוואַל פֿון טרערן גיט צום האַרצן אַ שפּאַר.

נחום'ען

יד

ווי ז'וואָלט שלאַנק און שטאָלץ געטראָגן אויף איר קאָפּ,
מיט לעבעדיק קוואַל-וואַסער, אַ ערדענעם קרוג,
אַז אירע לעמער צו שטילן זײַן זאָל גענוג,
ניט פֿאַרגיסן דערפֿון אַ איינציקן טראָפּ,

אין דעם קרוג אַליין ווי זי היט אים יאָס אָפּ,
נאָר אַ קליינעם ביי זיך געבן, נאָר איין בוק
און דער ווײַט אַרום זיך, הינטער זיך אַ קוק,
אין אין, שערבלעך פֿאַלט ער אויף דער ערד אַראָפּ,

אַזוי איז געווען איר פֿאַרטראַכטער, איר שטאָלצער גאַנג,
אויף שטילע סאַנדאַלען אַזאַ וואַנדלען — — —
ס'ווינגדיקע ליד פֿון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

און יעדן איר טראָט — אַ טאַקט אין'ם געזאַנג!
יאָ, ס'איז דער פֿולער קרוג אויף דײַן קאָפּ נאָך געשטאַנען
ווען די בזיון אויף אייביק פֿון דאַנען געגאַנגען.